# תורת אביגדור
## פאר קינדער

איבערגעארבעט פאר קינדער פון די שמועסן פון **הרב אביגדור מיללער זצ"ל**
דורך: פינחס בן-עמי, נתנדב לעילוי נשמת אמי מורתי **מרים לאה בת יעקב יהודה ע"ה**

### פרשת ויצא

## יעקב אבינו – דער געטרייער שומר

שמעון איז געזעצן אויפן קאוטש פארטיפט אין א ביכל. זיין שכן מענדי האט באקומען א נייע אינטערעסאנטע קאמיקס ביכל, און שמעון האט עס געבארגט פון אים.

שמעון'ס טאטע האט אים גערופן צו איבערחזר'ען די גמרא וואס מען האט געלערנט אין חדר. ער האט אראפגעלייגט די ביכל אויפ'ן קאוטש און איז געגאנגען ברענגען א גמרא.

שמעון'ס צוויי יעריג ברודער בערל האט זייער ליב געהאט ביכער, בילדער און קרעיאנ"ס. א גאנצע טאג איז ער ארום געגאנגען מאלן זיינע שיינע בילדער, און צומאל האט ער אפילו געמאכט שיינע דעזיינס אויף די ווענט.

ווען בערל האט געזען די שיינע ביכל אויף די קאוטש האט ער גענומען זיינע קרעיאנ"ס און אנגעקאשטקעט די דעקל פון מענדי'ס ביכל.

"פארוואס האסטו איבער געלאזט די ביכל אויף די קאוטש"?! האט שמעון'ס טאטע אים געפרעגט, "עס איז דאך נישט דיינס"?!

"נישט געפערליך" האט שמעון געזאגט. "עס איז נאר די דעקל. די מעשה קען מען נאך ליינען."

זיין טאטע האט אים שטרענגערהייט אנגעקוקט און געזאגט "שמעון, לייג די גמרא אויף א זייט פאר אביסל, און ברענג א חומש.

לאממיר לערנען א וויכטיגע לימוד פון יעקב אבינו.

*

יעקב אבינו האט געארבייט פאר לבן פאר צוואנציג יאר. לאממיר זיך אביסל פארשטעלן ווי אזוי זיין טאג האט אויסגעזען.

*עס איז א הייסע זוממער טאג. די זון שיינט, עס באקט. יעקב איז זייער הייס, שוויצעדיג. יעקב וויל זיך אוועקזעצן אונטער א בוים וואס זאל אים געבן אביסל שאטן, אפשר אפילו כאפן א דרימל. ער איז דאך מיד, נאכ'ן זיין אויף ביינאכט מיט די שעפעלעך.*

*יא, עס מאכט זיך אז ער דארף זיין אויף מיט די שעפעלעך ביינאכט. און ביינאכט איז אפט זייער זייער קאלט. אזוי איז עס אין פדן ארם, הייסע טעג און קאלטע נעכט. דאס איז יעקב'ס לעבן, ארבעטן פאר לבן. נעכטן נאכט אין די פראסט האט ער געדארפט אוועקשיקן א וואלף דריי מאל! יעצט איז ער מיד, אין די פעלד מיט לבן'ס שעפעלעך, א געטרייע פאסטוך. די זון באקט און די שעפעלעך שפאצירן רואיג, פריי אין די פעלד אונטער די זון און עסן די גראז. ער גייט זיי נישט איבערלאזן, אפילו פאר אפאר מינוט. און ער וועט זיי נישט אוועקנעמען פון די גראז. געטרייערהייט פאשעט ער זיי. נישט דרימלען, ווייל ער איז פאראנטפארטלעך פאר די שעפעלעך.*

דאס איז וואס די תורה זאגט אונז וועגן די צוואנציג יאר וואס יעקב אבינו איז געווען אין פדן ארם. נאך מער, אפילו לבן האט אים באשווינדלט און אים פרובירט צו פארנארן ווען ער האט געקענט איז יעקב אבינו געבליבן א געטרייע שומר. ער האט געוואוסט אז ער האט אן אחריות און ער טאר עס נישט פארנאכלעסיגן. נישט דא קיין תירוצים.

יעקב אבינו האט זיכער געטוען אסאך געוואלדיגע זאכן אין יענע צייט. ער האט געהיטן אלע מצוות! מיר ווייסן דאך וואס רש"י זאגט, "עם לבן גרתי ותרי"ג מצוות שמרתי", **אבער עס איז נאר דא איין זאך וואס די תורה זאגט אונז אפן און קלאר אין פסוק, וועגן ווי אזוי ער איז אנגעקומען צו זיין גדלות. אז ער איז געווען א געטרייע שומר פאר לבן.** יעקב האט זיך אויסגעארבעט אין די מדה פון זיין פארזיכטיג און פאראנטפארטלעך פאר עפעס וואס באלאנגט צו איינעם אנדערש!

*

שמעון האט פארשטאנען די לימוד וואס זיין טאטע האט אים געוואלט אויסלערנען. ער האט אפגעמאכט אז מיט זיין חנוכה געלט גייט ער קויפן א נייע ביכל פאר מענדי, און ער וועט האלטן די אנגעקאטשקעטע ביכל. און ער וועט זיין פארזיכטיג צו היטן עפעס וואס איז נישט זיינס.

א גוט שבת!



כל הזכויות שמורות ל: תורת אביגדור - פאר הערות און קאמענטארן ביטע פארשטענדיגט אייך: 347.755.8860